# די תּפֿילה פֿון אַ מענטשן בייטאָג

טאָג, ווייסער טאָג, וואָס אין דיר זיינען אויפֿגעמאַכט
אלע פֿארבן — און די גאסן ליגן אָפֿן,
ווי אויפֿגעמאַכטע טייסטערס פֿון פֿארשווענדער
בעלי־צדקות, און אלע ברואים און געווענדער,
אלע מענטשן און די ווענט, וואָס זיינען איינגעשלאָפֿן
שטייענדיקערהייט, און די שילדן, וועלכע ריידן מיט קאָלירן
און ווילן די קרעמער פֿאר פּאָעטן מאַכן... —
אין זיי אַלע, אין יעדן שטיין, אין יעדן שטרוי, אין אַלע זאַכן
זיצט דיין גוטסקייט, טאָג, שיינענדיק און וואַרעם,
ווי עס לעבט אין זילבערנע לייכטער א ליכט —

איך בין אויך אַ זאך און וויל פֿילן אויף מיר דיין ליַכטנדיק געזיכט,
איך וויל דיינע שלייפֿן זאָלן ארויסווישן פֿון מיינע קנייטשן
יעדער פֿארבאָרגנהייט, און איך זאָל געבענטשט זיין מיט אָפֿנקייט
ווי דער פֿאָרמאַן האַלט אין מיטן גאס דאָס פֿערד ביי די לייטשן,
ווי דער ייד שרייבט פֿריי אויף זיין טיר די ציפֿערן מיט קרייד.

זאָל יעדע פֿארשטעלטקייט פֿארשווינדן פֿון מיין געמיט,
ווי עס שטאַרבט אָפּ די שוואַרצקייט פֿון אייזן, ווען דאָס אייזן גליט,
לאָמיך אין דיין ברענענדיקן שיין געלייטערט זיין
און זען דאָס וואָס קיינער זעט נישט, און זען מער ווי עס איז געשען.
לפּחות, כאָטש לאָמיך אַליין אָן זינד, אָן צוים ווערן געזען.

פֿארוואָס איז יעדער סלופּ און יעדער דאַך
איבער זיין אייגענעם געשטאַלט אַ האַר,
און פֿארוואָס לאָז איך אראָפּ די ברעמען?
צי בין איך ערגער פֿונעם טראָטואַר,
וואָס ליגט צופֿרידן און דארף זיך נישט שעמען
צו קוקן דעם הימל אין די אויגן? ...

זאָל יעדע באַהעלטעניש פֿון מיר אַנטרינען,
כ׳וויל מיין לעבן אין סודות נישט פֿארשפּאַרן.
איך וויל אין דיינע הענט, טאָג, מיך געפֿינען —
העלף מיר זיין ווי דו, און קיינעם נישט נאַרן.

זעסט, איך האָב די פֿענצטער פֿון מיין הויז און מיינע אויגן צעעפֿנט ברייט.
און אַז א פֿרוי האָט מיין שוועל ארומגענומען, ווי א קייט,

האָב איך געענטפֿערט: קום נישט מער, איך קאָן דיך נישט פֿארטראָגן.

און אַ צווייטער וועל איך נאָך היינט אָדער העכסטנס מאָרגן זאָגן:
שענער וואָלט געווען די וועלט, ווען זי שטייט אויף דיינע פּיס...

איך וויל נישט אין מיינע הייסע געבעטן
זאָל ארייַנכאַפּן זיך א פֿרעמדער געדאַנק.
צי קען איך נישט פֿרייען זיך ריין, ווי א זאַנג,
ווען ער האָט זיך דערוואַרט, אַז דו זאָלסט אים גלעטן?

איך בין דאָך אויך א באַשעפֿעניש, טאָ פֿאַרוואָס זאָל די נאַכט
מיך אומעטום יאָגן מיט איר לעצטן ביסל קלאָג?
בין איך ערגער פֿונעם הונט, וואָס לויפֿט אום אין לאַכט
און טראָגט אין די קודלעס דיך, פֿולער טאָג !?

אָדער אפֿשר קלעפּט נאָך אין מיר עפּעס טונקלס
און אין דעם געוועב פֿון קעגנשטאַנדן
גייט מיין בליק פֿארלוירן,
ווי דו, טאָג, אליין פֿארלירסט זיך אַמאָל אין א געוויטער...

נאָר איצטער ביסטו דאָך געפֿעסטיקט מיט טויזנט ווייסע באַנדן
און אַלע גערטנס שטייען וואַך און זיינען דיינע היטער
און ביסט די קרוין פֿון יעדן דאָרף, און שטעט זיינען דיינע גיטער
און טרייבסט די תבואה פֿון דער ערד, און פֿון שטוב ארויס דעם שניטער.
שלאָג מיך אויך מיט דיינע גאָלדענע ריטער
און יאָג מיך ארויס פֿון יעדער נעץ און בלויען אָדער-געדריי,
און זאָלן די זאַכן
מיך א ליכטיקן זען ביי זייערע ראַנדן ...

זעסט? כ׳האָב פֿארגעסן אלע שפּרוכן פֿון בייַנאַכט.
נישט אויף שרעק הענגט מיין האַרץ ווען איך בין מתפּלל.
איך וויל נישט אז די פֿינצטערניש
זאָל אַראָפּשווערן מיין האַנט,
ווען איך שטרעק זי צום געבעט.
ניין. גראָד דענסטמאָל, ווען איך הער דיינע טריט, הויכער טאָג,
ווען די פֿרייד צעוויקלט זיך, ווי א פּאָן אין אלע עקן
און מענטשן ווילן נישט דאַוונען, ווייל זיי דארפֿן זיך נישט שרעקן –
גראָד ווען איך הער דיינע שפּרייזן, גרויסער טאָג,
וויל איך, אַז מיין תפֿילה
זאָל זיין טיף און אָן אַ פּגם

ווי דער געלעכטער פֿון די קינדער אויפֿן הויף, —

ווײל איך, אז מײַן תּפֿילה
זאָל זײַן טרײסטנדיק און פֿרום,
ווי די לידער פֿון מײַן שכן זיצנדיק אין וואַרשטאַט —
ווײל איך אַז אין מײַן תּפֿילה
זאָל זײַן אַזויפֿיל הײליקײט און געוויינערײַ
ווי אין דעם שפּרייזן פֿון אַ דיכטער דורכן צימער
נאָכן אויספֿידלען דעם אמת אין אַ ווערק —
ווײל איך, אַז מײַן תּפֿילה,
זאָל זײַן אַ ליבע־בריוו צווישן אונדז,
ביז דו וועסט אַרויפֿפֿאַלן אויף מײַן האַלדז, ווייסער טאָג,
און איך וועל אויפֿגיין אין דיר אינגאַנצן, ווייסער טאָג!

(1928)